# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית נתנדב
**לזכות אברהם יצחק יקותיאל בן אסתר פראדל**

## פרשת וירא

# קוק נישט צוריק

**פרנס השבוע**

**נתנדב לזכות כלל ישראל**

בתקוה חזקה שנזכה ונחיה ונראה בביאת משיח צדקינו
במהרה בימינו אמן

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה**
**ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:**
**347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*

**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת וירא
שנה ג׳

# קוק נישט צוריק

תוכן:

חלק א. צוריקקוקען
חלק ב. אוועקקוקן
חלק ג. אריינקוקען

## חלק א. צוריקקוקען

### די גן עדן שטאט

אין די היינטיגע סדרה ליינען מיר איבער א מערקווירדיגע געשעעניש וואס האט זיך אפגעשפילט אין ארץ כנען; די מהפכות סדום ועמורה — די איבערקערעניש פון סדום און די דערנעבנדיגע שטעט. היינט, אויב באזוכט מען ארץ ישראל, זעט מען דאס מערסט פארלאזטע פלאץ אין דרום, אין די שטרעקע וואו די דאזיגע שטעט האבן אמאל עקזיסטירט. די שטעט פון סדום, פארצייטישע גרויסע און שפרודלדיגע צענטערן פון האנדל, זענען היינט גארנישט.

איר ווייסט, אמאל זענען געווען אזעלכע אפיקורסים וועלכע האבן געלייקנט אז עס האבן אין די פארגאנגענהייט עקזיסטירט אזעלכע שטעט; זיי האבן געזאגט אז די גאנצע מעשה פון סדום איז אויסגעטראכט (עפ״ל). אבער מיט די צייט זענען אנטדעקט געווארן ארכיוון פון עבלא — א שפרודלדיגע שטאט אין די אמאליגע צייטן — וואו עס איז דאקומענטירט אז זיי האבן געפירט גרויסע האנדל מיט די שטעט פון סדום. עס זענען אנטדעקט געווארן פיל ליים טאוולען, בריוו געשריבן אויף טאוולען, וואס דעטאלירן פארשידענע פארהאנדלונגען וואס זענען געגאנגען אהין און צוריק מיט סדום איבער קויפן און פארקויפן אלע סארט ארטיקלען.

און נישט נאר וואס סדום איז געווען א בליענדע שטאט, עס האט אויך פארמאגט פרוכטבארער ערד. גרויסע פעלדער און הערליכע גארטנס האבן ארומגערינגלט סדום, וואס זענען באוואסערט געווארן דורכ׳ן ירדן. ס׳איז געווען אזוי אויסטערליש שיין אז די תורה ערקלערט עס אלס כגן ה׳, אזוי געשמאק ווי דער גן עדן. היינט איז עס אינגאנצן נישט קיין פארגלייך צו דער גן עדן, אבער עס איז זיכער געווען עפעס אויסערגעווענליך.

## א פארלאזטע פלאטץ

עס האט אבער נישט אנגעהאלטן. צוליב זייערע זינד – "זיי האבן נישט געשטיצט די הענט פון די ארעמע און נויטבאדערפטיגע" (יחזקאל טז:מט); און עס זענען געווען אויך אנדערע זינד – האט דער באשעפער ארויסגעגעבן א גזירה צו חרוב מאכן דעם גאנצן געגנט פון די פינף שטעט פון סדום. עס איז געווען א שרעקליכע סצענע צו בייוואוינען. **וַיַּהֲפֹךְ אֶת הֶעָרִים הָאֵל** – דער באשעפער האט איבערגעדרייט די שטעט. "איבערגעדרייט" מיינט אז עס האט נישט פאסירט צוביסלעך. עס איז נישט געקומען דורך א פאמעליכע פארוועלקונג פון די ערד אדער אנדער סארט אונטערגאנג; עס האט פאסירט אויף איינמאל. די תורה דערציילט ווי אזוי האגל פון ברענענדיגע קעמיקאלן – פלאמענדיגע שוועבל אינאיינעם מיט זאלץ – האט אראפגערעגנט אין א שטורעם און אלעס איז געווארן פארפעסטעט. ביז היינט צוטאגס וואקסט גארנישט אין דעם געגנט. ס'איז א מדבר אבער נישט פון זאמד – א מדבר פון קעמיקאלן. היינטיגע צייטן שעפט מען ארויס פון דעם ים המלח נישט נאר זאמד נאר אויך אנדערע מינעראלן.

אנשטאט עס זאל זיין א גארטן פון באשעפער איז עס געווארן א פארלאזטער פלאץ; אויף אזוי ווייט, אז אפילו פיל יארן שפעטער ווען דער נביא האט געוואלט רעדן פון אביישפיל פון א גענצליכער חורבן האט ער זיך באצויגן צו סדום אלס מוסטער (ירמיהו מט:יח). אויף שטענדיג איז סדום געווארן דער ביישפיל פון א פארברענטע לאנד – כמעט גארנישט פון אט די זינדיגע שטאט האט זיך באפרייט פון דעם רוט פון באשעפער.

איך זאג 'כמעט' ווייל יעדעס קינד ווייסט צו זאגן אז ממש פאר דער מבול פון קעמיקאלן האט גענומען אראפרעגענען, זענען לוט און זיין ווייב אנטלאפן פון די שטאט. וואס האט פאסירט? דער באשעפער האט רחמנות געהאט אויף לוט – נאך אלעם איז ער געווען איינער פון אברהם'ס נאנטסטע קרובים, און נאכמער, ער איז געווען זיין תלמיד – און דערפאר האט דער באשעפער געשיקט שליחים אים צו ווארענען צו אנטלויפן פון שטאט אינאיינעם מיט זיין ווייב און אזוי ראטעווען זייערע לעבנס: "**הוֹצֵא מִן הַמָּקוֹם** – נעם אלעס וואס דו קענסט און לויף!" האבן זיי אים געזאגט, "**הָהָרָה הִמָּלֵט** – אנטלויף צו די בערג!" **וַיֹּצִאֻהוּ** – און זיי האבן אים אנגעכאפט ביים ארעם און ארויסגעצויגן און געזאגט: "**הִמָּלֵט עַל נַפְשֶׁךָ** – אנטלויפט פאר אייער לעבן!" און פונקט דאס האבן זיי געטון – לוט און זיין ווייב זענען אנטלאפן מיט די מלאכים ארויס פון שטאט (בראשית יט:יב, טז).

## די ווארענונג

ווי מיר ווייסן, אין צוגאב צו דעם וואס די מלאכים האבן געהייסן לוט און זיין משפחה אנטלויפן, האבן זיי צוגעלייגט א ווארענונג. בשעת זיי זענען אנטלאפן האבן די מלאכים, על פי ה', אנגעזאגט די לעצטע אנווייזונגען פאר לוט און זיין ווייב: "**אַל תַּבִּיט אַחֲרֶיךָ** – איר זאלט נישט צוריקקוקן" (שם. יט:יז).

למעשה, דאס זעט אויס אינטערעסאנט. "קוקט נישט צוריק"?! פארוואס נישט? אויב נאר זיי לויפן אוועק, אויב זיי גייען ארויס פון דעם געפארפולן געגנט, וועמען גייט אן אז זיי קוקן צוריק? מען קען נאך אלץ ווייטער לויפן אפילו מען דרייט צוריק דעם קאפ פאר א מאמענט! ווילאנג עס האלט נישט אויף דאס אנטלויפן, וואס איז דער פראבלעם?

## א מינעראל זייל

נישט נאר וואס זיי זענען אנגעווארנט געווארן נישט צוריקצוקוקן, נאר מיר זעען אז לוט'ס ווייב

איז באשטראפט געווארן צום טויט. **וַתַּבֵּט אִשְׁתּוֹ מֵאַחֲרָיו וַתְּהִי נְצִיב מֶלַח** – ווען לוט׳ס ווייב האט צוריקגעקוקט איז זי געווארן א שטיק זאלץ (שם. יט:כו). אין יענעם מאמענט איז געפאלן אויף איר א שטיק ברענענדיגע פעך מיט קעמיקאלן פון הימל און גלייך איז זי געווארן א קלאץ פון מינעראלן. זי איז נישט געווארן פשוט׳ע זאלץ אויפ׳ן טיש; נציב מלח מיינט אז זי איז געווארן א זייל פון קעמיקאלן. דאס איז ווי דער איבערגאנג פון מינעראלן וואס ווערט פארהארטעוועט צו א שטיין.

און דערפאר, יארן לאנג דערנאך, טוען אלע פארבייגייער ביי דאס פארלאזט ארט ווייזן אויף דעם זייל אלס אן עדות צו וואס עס איז געשען. יעדער ווייסט פון מסורה אז דער זייל פון זאלץ איז אמאל געווען א מענטש וואס איז געווארן אזוי דערשראקן בשעת׳ן אנטלויפן פון דעם חורבן; א פרוי וואס האט אויסגעדרייט איר קאפ צו כאפן א לעצטן בליק אויף איר היימשטאט וואס ווערט חרוב און דערפאר איז זי באשטראפט געווארן צו בלייבן ביי די שטאט אויף אייביג.

## וואס איז אזוי שלעכט?!

אלזא, דאס איז עפעס וואס איז נישט גרינג צו פארשטיין ווייל וואס איז בכלל געווען איר זינד? ריכטיג אז זי האט עובר געווען אויף דיווארענונג פונעם מלאך – ער האט געזאגט, "קוק נישט צוריק," און זי האט יא צוריקגעקוקט; זי האט אויסגעדרייט איר קאפ צו צוריקקוקן אויף סדום, אבער צי איז דאס אזא געפערליכער חטא? צו צוריקקוקן אויף א שטאט וואו זי האט געוואוינט אזוי לאנג איז אזא שרעקליכע עבירה, ביז צו ווערן באשטראפט צום טויט? דאס איז א שטארקע שאלה אייגנטליך, דערפאר דארפן מיר צוערשט פארשטיין וואס עס מיינט צו צוריקקוקן; וואס איז אזוי שלעכט מיט צוריקקוקן.

דער מדרש דערציילט אונז אז לוט׳ס ווייב האט שטארק ליב געהאט די שטאט סדום. זי האט ליב געהאט דעם פלאץ צוליב די רייכטום און באקוועמליכקייטן וואס זענען דארט געווען. עס איז געווען א לוקסוריעזע שטאט מיט פיל אינטערעסאנטע זאכן, וואס דערפאר האבן זיי אויסגעוועלט צו וואוינען דארט. עס איז געווען א שטאט וואו עס האבן געוואוינט בלויז רייכע מוצלח׳דיגע מענטשן און לוט און זיין ווייב זענען דארט געווען זייער צופרידן; זיי האבן זיך געפילט א טייל פון סדום. און דערפאר ווען עס איז געקומען די צייט צו פארלאזן די שטאט איז עס נישט געווען גרינג פאר זיי.

אלזא, לוט אליין, ווען ער האט געפאלגט די אנווייזונגען פון די מלאכים און זיכער געמאכט נישט צו צוריקקוקן, האט ער געוויזן וואס ער איז, וואו זיין קאפ געפינט זיך. סוף כל סוף איז ער געווען א תלמיד פון אברהם און ער איז געווען אויפריכטיג; ווען ער האט געזען די שטראף פון הימל און ער האט אנערקענט ווי גרויס עס זענען געווען די זינד פון דעם פלאץ האט ער עס פולשטענדיג פארשטאנען און אנגענומען דעם באפעל צו אוועקקוקן פון סדום; ער האט אויסגעדרייט זיין רוקן צו סדום – ער האט געענדיגט מיט זיי. לוט איז געווען גענוג שטארק זיך צו געזעגענען גענצליך פון די שטאט און זייערע זינד. ער האט געלערנט א לעקציע און זיך אויסגעדרייט מיט זיין פנים אויף פאראויס צו א נייער צוקונפט דורך אפהאקן יעדע פארבינדונג מיט די זינדיגע וואס דער באשעפער האט פאר׳מיאוס׳ט.

## נאך איין בליק

אבער זיין ווייב איז נישט געווען אזוי. ווי געווענליך, וואס א פרוי איז מער צוגעבונדן צו איר סביבה; זי טוט זיך מער אקלימאטיזירן מיט די שכנים און דערפאר, טראץ וואס איר מאן האט זיך געקענט

געזעגענען מיט סדום אין זיין הארץ — כאטש ווען ער איז באפוילן געווארן דערצו דורך די מלאכים — האט זי דאס נישט געקענט טון. זי איז געווען אזוי איינגעווארינט מיט דער קולטור פון סדום, אז ווען עס איז געקומען די צייט צו פארלאזן די שטאט האט עס איר ווייט נישט געשמעקט. זי האט פיין געלעבט אין סדום, און זי איז געווען היבש אומצופרידן צו אוועקגיין פון דארט.

אודאי איז זי מיטגעגאנגען צו פארלאזן די שטאט, זי האט נישט געהאט קיין ברירה. די מלאכים האבן זיי צוגעשטופט דערצו און איר מאן איז פאקטיש געגאנגען. אין יענע צייטן איז יעדער געווען געטריי צו די פאמיליע. קיין שום פרוי וואלט זיך נישט אפגעטיילט פון איר מאן און צובראכן די פאמיליע. און דערפאר, ווען לוט איז אנטלאפן פון סדום, איז זיין ווייב מיטגעגאנגען.

אבער איין זאך האט זי נישט געקענט ביישטיין; זי האט זיך נישט געקענט צוריקהאלטן פון כאפן נאך איין לעצטער געזעגענונגס בליק אויף איר באליבטע היים. און דערפאר, בשעת זי האט געמאכט איר וועג ארויס פון סדום האט זי זיך צוריקגעדרייט פאר א מאמענט און בא'גנב'ט א בליק אויף ארונטער. דער פסוק זאגט אונז דאס נישט אבער עס קען זיין אז זי האט אפילו פארלאזט א טרער אויף איר באליבטע שטאט וואו זי האט געלעבט אזוי גליקליך און הנאה געהאט פונעם לעבן אזויפיל יארן. **וַתַּבֵּט אִשְׁתּוֹ מֵאַחֲרָיו** — זי האט צוריקגעקוקט צו סדום.

## א צייכן פון סימפאטיע

מיר דארפן פארשטיין אז צו צוריקקוקן איז זייער א באדייטנדער צייכן; עס איז א צייכן פון בענקשאפט, עס ווייזט אויף וואו דיין מח געפינט זיך באמת. דערפאר האט דער מלאך וועלכער איז זיי געקומען ראטעווען געמאכט מיט זיי דעם תנאי. ער האט נישט בלויז געווארנט אז זיי זאלן זיך נישט אפשטעלן אויפ'ן וועג. אודאי אויב זיי וואלטן זיך אפגעשטעלט, אויב זיי וואלטן זיך ארומגעדרייט און זיך איבערגעקלערט, וואלטן זיי נישט איבערגעלעבט. אבער דער באשעפער האט פארלאנגט מער ווי דאס. "קוקט נישט צוריק!" יעדער באוויז אויף אומ'חשק זיך צו אפטיילן פון דארט, איז דאס שוין א צייכן אויף אינערליכע דורכגעפוילטקייט; עס ווייזט אז זייער הארץ איז נאך אין סדום. דאס איז א באוויז אויף וואו זייערע געפילן ליגן און דערפאר וואלט דער באשעפער זיי נישט באטראכט אלס ווערד צו ראטעווען זייער לעבן.

אויב איינער לעבט אן אנשטענדיג לעבן אבער אינעווייניג ציט ער צו גוי'שקייט און צו די אויסגעלאסנקייט פון די דרויסנדיגע וועלט, ווערט ער אידענטיפיצירט אלס א טייל פון די דרויסנדיגע וועלט, ווייל א מענטש איז נישט וואס זיין קערפער טוט; דאס וואס דיין מח איז, טוט דיר באצייכענען! דאס איז א געוואלדיגער יסוד. דיין מח איז די וויכטיגסטע!

דערפאר איז די ווייב פון לוט אזוי הארב באשטראפט געווארן; זי איז געאורטיילט געווארן אלס אן איינוואוינער פון סדום ווייל דארט האט זיך איר מח געפונען.

## דער מענטש אין ליטא און די קאפ אין דייטשלאנד

עס איז ווי די אידן וואס האט געדארפט פארלאזן דייטשלאנד מיט זיין פאמיליע ווען היטלער איז געקומען צו דער מאכט און עס האט זיי ווי געטון דאס הארץ ווייל זיי האבן ליב געהאט דייטשלאנד; זיי האבן זיך אידענטיפיצירט מיט דעם דייטשן קולטור און דייטשער מהלך החיים. איינער האט מיר אמאל אראפגעמאלן די סצענע, אן אמת'ע סצענע. א דייטשע אידישע פאמיליע איז קוים אנטלאפן

מיט זייערע לעבנס פון היטלער'ס דייטשלאנד, זיי זענען אריבער דעם גרעניץ צו ליטא און זיך באזעצט אין א קליין שטעטל אין ליטא. עס איז געקומען צו די נאכט פון דעצעמבער 25, זענען זיי געזעסן און אויסגעהערט די ראדיא פון די בערלינער צערעמאניעס. און עס איז זיי געגרינגערט פון נאסטאלגיע, טרערן פון בענקשאפט צו זייער פאטערלאנד. "אהה, אין די גוטע אלטע צייטן זענען מיר געזעסן פארנאכטס פון דעצעמבער 25 און געהערט מיט באגייסטערונג די 'ערהאבענע מוזיק'." זיי האבן זיך אידענטיפיצירט מיט דאס לאנד פון זייערע פארטיליגער, מיט דאס לאנד פון זייערע פייניגער און מערדער און עס האט זיי געריסן ביים הארץ אז זיי האבן געדארפט פארלאזן דאס לאנד.

אנשטאט צו זאגן, "וואספארא זינדיגע פאלק! וואספארא שמוציגע פאלק! א פאלק פון מערדער!" די דייטשן זענען געווען ערגער ווי די קאניבאלן פון אפריקע – די קאניבאלן האבן כאטש גע'הרג'ט מענטשן נאר ווען זיי זענען געווען הונגעריג! אנשטאט צו זאגן, "מיר זענען פריילין צו זיין פטור פון זיי און מיר דרייען אויס אונזער פנים צו א נייער צוקומפט; מיר וועלן אצינד קוקן פאראויס מיט דעם עם ישראל; מיר וועלן אויסדרייען אונזערע רוקנס צו די זינדיגע גויים וואס זענען מערדערס פון אונזער פאלק און קיינמאל נישט צוריקקוקן;" גאר האבן זיי נישט געקענט ארויסרייסן פון זייערע הערצער די צוגעבונדנקייט צו זייער פאטערלאנד. זיי האבן צוריקגעקוקט!

דער באשעפער האט געוואלט לוט און זיין ווייב זאלן אויפגעבן זייער צוגעבונדנקייט צו די גוי'שע סביבה. דאס איז וואס דער מלאך האט געזאגט, "קוקט נישט צוריק!" דאס מיינט, אז ס'איז נישט גענוג בלויז זיך צו דערווייטערן פון די זינדיגע; מ'קען נישט זאגן, "איך גיי, איך לויף אוועק פון די זינדיגע און דאס איז גענוג." ניין! דאס איז ווייט פון גענוג. וואס דער באשעפער וויל איז, אז בשעת מיר לויפן אוועק זאלן מיר נישט צוריקקוקן; מיר זאלן אפילו נישט וועלן צוריקקוקן.

# חלק ב. אוועקקוקן

## אמת'ע גרות

אין תהלים (מה:יא) זאגן מיר די ווערטער פון דוד המלך: **שִׁמְעִי בַת** – הער מיין טאכטער. דוד המלך רעדט דא צו א יונגע פרוי, א גיורת וואס האט אויפגעגעבן איר גוי'שע פאמיליע און זיך באהאפטן צום בית ישראל. זי איז א גיורת לויט אלע תנאים פון גרות – זי היט אלעס פון די תורה אן אויסנאם; אנדערש וואלט זי נישט אנגענומען געווארן.

עס איז נישט ווי די רעפארמער היינט; דער רעפארם באוועגונג, וואס וויל זיי ווערן אלץ פארמינערט – זייערע קינדער האבן חתונה און מישן זיך אויס מיט די גויים ר"ל און ווערן פארלוירן פון אידישן פאלק – זענען זיי אצינד ארויס אין א נייער גרות קאמפיין. א גרות קאמפיין! איר קענט שוין פארשטיין וואספארא סארט גרים זיי האבן. זיי זענען זיך מגייר דורך א שטיקל פאפיר, און דאס איז עס; זיי דארפן גארנישט טון ווייל זייער גאנצער ציל איז בלויז צו אנפילן די בענק אין זייער רעפארם טעמפל.

אבער אין תהלים רעדט זיך נישט פון אזא שווינדל; אין די צייטן פון דוד המלך איז נישט געווען אזא זאך. ער האט גערעדט פון אן אמת'ער גיורת: "**שִׁמְעִי בַת** – הער צו, מיין טאכטער," רעדט דוד צו די

גיורת, "וְשִׁכְחִי עַמֵּךְ — פארגעס פון דיין פאלק, וּבֵית אָבִיךְ — און פון דיין פאטער'ס הויז." פארגעסן? וואס פארגעסן? זי איז שוין אוועקגעגאנגען פון דארט — זי איז שוין א פרומע פרוי; זי גייט מיט א צוגעדעקטן קאפ און דאווענט דריי מאל א טאג; וואס נאך וויל מען פון איר?

## פארגעס פון דיינע קרובים

אה ניין! "דאס איז נישט גענוג!" זאגט דער תהלים, "פארגעס פון דיין פאלק און פארגעס אויך פון דיין פאמיליע!" זי ווערט דא אנגעזאגט אז אויב זי וויל האבן א גאנצער גרות, אויב זי וויל זיין א טייל פון דאס אויסדערוועלטע פאלק, מוז זי שטארקן איר הארץ קיינמאל נישט צוריקצוקוקן אויף היזעטרוויילעכץ צו דאס ארט וואס זי האט פארלאזט.

א גר דארף זיך געזעגענען פון זיין אלטע לעבנסוועג און אויך פון זיין פאמיליע! און אויב נישט, איז ער נישט א פולקאמער גר. איך פארשטיי אז וואס איך זאג איז נישט אזוי די מאדע היינט, אבער מיר גייען נישט נאך קיין מאדעס. עס איז א גרויסע עוולה ווען א גר זעצט פאר צו צוריקקוקן צום פארגאנגענהייט. עס זענען דא אזעלכע פעלער און זיי מיינען אז זיי זענען פולקאמע גרים. אה ניין! ס'איז ווייט פון פולקאם! אויב האט ער נאך עפעס פארבינדונגען מיט זיין פאמיליע, איז עס א פעלער אין זיין גרות. ער מוז אויסדרייען זיין רוקן צו זיינע קרובים, אפילו אויף זיין טאטע און זיין מאמע, און נישט צוריקקוקן. פון יעצט אן, זאל ער קוקן בלויז צום באשעפער אלס זיין טאטע. עס איז נישט גרינג אבער קיינער האט נישט געזאגט אז עס דארף זיין גרינג.

## לאז אפ די דערנער

דאס זעלבע אויך מיט א בעל תשובה; אויב ער קוקט צוריק מיט בענקשאפט צו די אלטע צייטן, איז עס א פעלער. דער ערשטער שריט צו קענען קומען נאנט צום באשעפער — דאס איז אויך דער מיטלסטער שריט און דער לעצטער שריט — איז זיך צו אפהאקן פון אלע מקורות פון השפעה פון די גוי'שע וועלט. אודאי דארף ער אויך לערנען דעת תורה. ער דארף לערנען די ספרים וואס וועלן אים אויסלערנען נייע וועגן און אים געבן א נייער גאנג אין לעבן. ער מוז לערנען! מסילת ישרים, שערי תשובה, חובת הלבבות; ס'איז דא אזויפיל צו לערנען! ער מוז גיין צו פלעצער וואו ער וועט הערן די ריכטיגע השקפות און קונה זיין א נייער לעבנסגאנג.

אבער דאס גאנצע לערנען וועט נישט העלפן צו ווערן אן אמת'ער עבד ה' אויב מ'קוקט צוריק. ס'איז ווי א מענטש וואס זיין האנט האט זיך בטעות פארכאפט צווישן א קוסט פון דערנער. און יעצט האלט ער אן די דערנער און וויינט, "אוטש! ברענג פעראקסייד!"

זאגן מיר אים: "פארוואס וויינסטו אויף מעדיצין?!" די ערשטע זאך לאז גיין! באפריי זיך פון די דערנער!

ער איז באזארגט איבער ספרים און דעת תורה? ער וויל זיין בעסער, אבער ער זיצט און לייענט, צום ביישפיל, צייטונגען, די צייטונגען זענען א נאכאנאנדער מקור פון באנייען אלע פאלשע השקפות וואס ער טענה'ט אז ער וויל אנטלויפן דערפון. ער האלט זיך נאך אן צו די דערנער! ער קוקט נאך צוריק צו דער פלאץ פון וואו ער איז אנטלאפן. צי ס'איז דער אלגעמיינער זשורנאל אדער דער זשואיש פרעס אדער דער ניו יארק טיימס. יעדע איינע אויף אן אנדערן שטאפל, אבער **הַצַּד הַשָּׁוֶה שֶׁבָּהֶם שֶׁדַּרְכָּם לְהַזִּיק וּשְׁמִירָתָם עָלֶיךָ** — דו גייסט נישט ווערן בעסער פון זיי!

## ערגער פון סדום

נישט נאר בעלי תשובה – יעדער פרומער איד וואס האט א קלאפעדיג הארץ צו מצליח זיין אויף די וועלט מוז זיך אפהאקן און קיינמאל נישט אויסדרייען זיין קאפ צו צוריקקוקן. אנדערש ביסטו אין זעלבן רינשטאק ווי די גוים. און היינט, מער ווי סיי ווען פריער, איז די גוי'שע גאס פארפוילט. אמאל זענען די גאסן אין אמעריקע געווען ריינער. יא, די גוי'שע גאסן. מ'האט געקענט אדורכגיין די גאסן רואיג. איינער וואס האט נישט געארבעט און סתם געוואנדערט אויף די גאסן איז געווארן ארעסטירט. די פאליציי וואלט געשריגן אויף אים, "וואס טוסטו?!" אויב איז ער געגאנגען ליידיג האט דאס געמיינט אז ער זוכט זיך פראבלעמען און ער איז געווארן ארעסטירט. היינט צוטאגס וואלט מען ארעסטירט דעם פאליציי מאן פאר'ן שרייען אזוי אויף א ליידיגגייער.

און אזוי איז די וועלט היינט משוגע. די גאסן היינט זענען שמוציג! ס'איז ערגער ווי סדום; טויזנט מאל ערגער. און איך טרייב נישט איבער. איך מוז זאגן אז איך בין זייער שטארק באזארגט איבער דעם. צי וועט דער באשעפער ווייטער בלייבן שטיל איבער אמעריקע? איך בין זייער באזארגט. אמעריקע ווערט היינט זייער זינדיג. איך ווייס נישט וואס צו ערווארטן. איך ווייס נישט וואס עס גייט פאסירן אין צוקונפט. איך בין באזארגט אז דער באשעפער וועט עס נישט צו לאנג פארשווייגן. ווי אזוי קען ער?!

און דערפאר איז אונזער איינציגסטער אויסוואל זיך אפצוהאקן פון זיי! וויפיל זאל מען זיך אפהאקן? איר וועט צוקומען צו מיר נאכ'ן שיעור און פרעגן, "איר מיינט צו זאגן איך זאל טון אזוי אדער איך זאל נישט ליינען דאס?" איך וועל אייך נישט זאגן וואס איר זאלט נישט טון; עס ווענדט זיך אין וויפיל איר זענט גרייט צו טון פאר זיך אליין. אבער וויפיל מער איר האקט זיך אפ, אזויפיל וועט איר זיך אליין העלפן – וואס וויניגער פארבינדונג איר וועט האבן מיט די גוים, אלס לויטערער וועט איר זיין.

## דער ערשטער שריט

פארגעס יעצט איבער לערנען תורה און לערנען ווי אזוי צו ווערן בעסער. מיר מאכן נישט א ברכה אינדערפרי, "איך דאנק דיר באשעפער אז דו האסט מיר געמאכט א איד," מיר זאגן "**שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי** – איך דאנק דיר אז דו האסט מיר נישט געמאכט פאר א גוי." דאס איז די ערשטע זאך! די ערשטע זאך איז, נישט צו זיין א גוי. צו זיין א איד, דאס איז דער קומענדיגער שריט. דער ערשטער שריט איז זיך אוועקצודרייען פון די גוים און נישט צוריקקוקן.

עס זענען דא מענטשן וועלכע פראבירן צו טוןביידע אויפאמאל. זיי ווילן אנטלויפן פון סדום – דאס מיינט זיי ווילן זיין א גוטער איד – און אין די זעלבע צייט ווילן זיי אויסדרייען זייערע קעפ און צוריקקוקן; זיי ווילן זיין גוטע אידן און אין די זעלבע צייט ווילן זיי אויך זיין גוים.

## צניעות וויכטיגער ווי מפרשים

ווי אזוי פאסירט דאס אז פרומע פרויען טוען היינט אן אזעלכע קורצע קליידער? ווער וואלט זיך אמאל פארגעשטעלט אזא זאך?! אט איז אן ארטאדאקסישע פרוי און ווען זי זעצט זיך אראפ, ציט זי איר קלייד אז זי זאל קענען באדעקן אירע קניען – היינט הייסט דאס א פיינע אידישע פרוי. אבער אזא זאך איז געווען אומדערהערט מיט בלויז זעכציג יאר צוריק! א קלייד וואס מ'זאל דארפן אראפציען ווייל אנדערש וועלן די קניען זיין אויפגעדעקט?! און צומאל אפילו, איך וויל אפילו נישט זאגן ווער – רעבעצינס זיצן אזוי.

עס פאסירט נאכאנאנד. אט איז א מיידל פון אן ארטאדאקסישע שולע וואס זיצט אויפ'ן באס און קעגנאיבער איר זיצט א ישיבה מאן אדער א רבי און אירע קניען זענען אויפגעדעקט — צומאל אפילו מער ווי אירע קניען. און זי רעדט צו איר פריינדין, זי רעדט איבער די חומש וואס זי לערנט פאר די מיידלעך אין שולע. "און וואס זאגט דער אברבנאל? און וואס זאגט דער מלבי"ם?" די ריכטיגע שאלה איז, "וואס זאגן דיינע קניען?"! עס פאלט איר גארנישט איין אז זי איז אזוי אומפארשעמט. א גוי'שע פרוי זעכציג יאר צוריק וואלט נישט געטון אזעלכע שרעקליכע זאכן!

## אין קריג מיט דעם פליג

ס'קען זיין זי האט לאנגע ערמל, זי האט אויך א גאנצע קלייד ביז די האלז. איז פון אויבן האט זי געוואונען דעם שלאכט קעגן דעם יצר הרע; ביז צו אירע לענדן איז זי ארטאדאקסיש. אבער דער יצר הרע איז ווי א פליג. דער יצר הרע ווערט גערופן א פליג, א זבוב. איר ווייסט וואס איז א פליג? דער חפץ חיים האט עס ערקלערט אזוי. ער האט געזאגט אז א פליג אטאקירט דיר דא, דו פארטרייבסט אים. דו מיינסט אז דו האסט געענדיגט מיט אים? יעצט איז ער דארט. דו פארטרייבסט אים ווידעראמאל, יעצט איז ער דארט. דער פליג קומט פון יעדן ווינקל און האלט אין איין קומען.

אזוי אויך דער יצר הרע. איינמאל האט ער פראבירט דא מיט די אידישע פרוי, ברוך ה' די ארטאדאקסישע פרויען האבן אים אפגעשטויסן מיט א נצחון. נישטא מער קיין קורצע ערמל צווישן די ארטאדאקסישע! דאס איז היינט קלאר. איז וואס האט פאסירט? די פרומע פרויען טראכטן אז מ'האט שוין געוואונען די שלאכט; צוגעדעקטע קעפ, לאנגע ערמל, מען האט שוין אלעס. ניין! די שלאכט ווערט פארלוירן פון אונטן. דער יצר הרע קומט יעצט פון אן אנדער זייט.

נאר ווי אזוי קען אזא זאך פאסירן? איר ווייסט ווי אזוי דאס האט פאסירט? די ארעמע פרוי פירט א קריג. זי האט אן א קלייד וואס קומט אן ביז אירע קניען — כאטש ווען זי שטייט באדעקט עס אירע קניען. און בשעת זי שפאנט אראפ די גאס איז איר פנים פארפלאמט פון בושה ווייל אנדערע פרויען ווייזן א פינגער אויף איר און זאגן, "קוק אויף די אלט פארצייטישע פרוי." זי איז א העלד פאר'ן באדעקן אירע קניען!

## דער פיינט פון די מענטשהייט

און פארוואס זאגן דאס די שכנים? ווייל אין פאריז איז דא א זינדיגער מענטש, דיאר ימ"ש, וואס ברענגט אונטער די גאנצע וועלט. עס איז דא א שונא פאר די מענטשהייט וואס זיצט אין פאריז און געבט ארויס אלע סארטן מאדעס. דער אמת איז, וואס גייט אונז אן פון עפעס א משוגע'נער אין פאריז?! נאר אז די אידישע פרויען — און אפשר די מענער אויך — קוקן צוריק צו פאריז.

די מאגאזינען זענען היינט אנגעפילט מיט רעקלאמעס. דאס איז אלעס פון פאריז! און פאריז איז סדום, נישט קיין ספק אין דעם! איז וואס וועט עס העלפן אויב דו אנטלויפסט קיין פלעטבוש און לעיקוואוד און וויליאמסבורג אויב דו קוקסט נאך אלץ צוריק צו פאריז. דו ביסט נאך דארט! דו ביסט א פאריזער, א סדום'ער!

## פארלירן עולם הבא

און די מידיא! אויב דו קוקסט צוריק אויף גוי'שע מידיא, איז א שאלה אויב דו וועסט עס דורכמאכן. יעדער איד וואס מיינט ביזנעס מיט אידישקייט, מוז וויסן אז עס זענען נישטא קיין צוויי ברירות איבער

דעם; דו מוזט פטור ווערן פון דער פארשאלטענער מאשין אין הויז. די דאזיגע מאשינס דארפן ארויסגיין פון הויז. ס'איז נישטא וואס צו רעדן איבער דעם. מ'קען זיך נישט ארויסדרייען דערפון, מען דארף וויסן דער פשוט'ער אמת – די דאזיגע מאשינען באדייטן אז דו ביסט אין דירעקטע פארבינדונג מיט אלעס וואס געפינט זיך אין די זינדיגע וועלט. אפילו קלוגע גויים זאגן היינט אז דער דאזיגער מאשין לייגט צוגרונד די יוגנט. און מיר וויסן אז עס מאכט פארפוילט די מוחות פון ערוואקסענע אויך.

א מענטש, א מאדערן ארטאדאקסישער וואס וואוינט אין קווינס, האט מיר אנגערופן אויפ'ן טעלעפאן. צווישן אנדערע זאכן האט ער מיר געזאגט אז יעדע מיטוואך נאכט גייט ער צו די מאוויס מיט זיין ווייב. האב איך געזאגט, "דו גייסט נאך צו די מאוויס?! פערציג יאר צוריק איז געווען א אנדערע מעשה אבער היינט גייסטו נאכאלץ צו די מאוויס?!" איך האב אים געזאגט "אין די היינטיגע שמוציגע וועלט אויב דו גייסט צו די מאוויס, קען איך דיר זאגן אין לא חלק לעולם הבא."

און איך האב נישט קיין ספק אין דעם. א ישיבה מאן האט מיר געפרעגט, "פון וואו נעמט איר דאס?" איך וועל דאס גלייך אויפווייזן. עס איז א גמרא אין סנהדרין. די גמרא זאגט דארט (ק:), "הקורא בספרים החיצונים – אויב א מענטש לייענט שמוציגע ביכער"; אזוי ערקלערט רש"י די ווערטער – אויב ער לייענט ספרי עגבים, אומווערדיגע ביכער – דאן האט ער נישט קיין חלק אין עולם הבא. און דאס איז אויב ער לייענט א שמוציגע בוך, נאר פון זען די ווערטער. נישטא קיין ספק אז דאס האט נישט די מינדעסטע פארגלייך צו די ווירקונג פון א שמוציגער מאווי. און וועלכע מאוויס זענען היינט נישט שמוציג?! איז אויב דו קוקסט שמוציגע מאוויס – דאס מיינט אלע מאוויס – ווייסטו אויף זיכער אז דו ביסט דער פון וועמען חז"ל רעדן. נישטא קיין מחלוקת אויף דעם, נישטא קיין צווייטע מיינונג. אין לא חלק לעולם הבא!

נאר די דאזיגע אידן וועלכע האלטן זיך העכער פון די פעלקער פון די וועלט קענען מצליח זיין. עס זענען נישטא קיין צוויי וועגן אין דעם; אנדערש קוקט מען אלץ צוריק צו די אומות העולם. עס קען זיין אז אויסערליך ווערסטו ווערן בעסער; א מענטש קען אנטון א שווארצע הוט און ער קען אפילו אנהאבן א לאנגע רעקל און לאזן וואקסן לאנגע פיאות; א פרוי קען באדעקן איר קאפ און זי קען דאווענען; אבער אינעווייניג באקומען זיי נאך א שטראם פון פארשטונקענע וואסער פון די אפלויף רערן פון די גאס, אריין אין זייערע מוחות! ס'איז אזוי ווי מ'זאל נעמען א שמוציגער טאפ און ארייינלייגן דערין טייערע פלייש און גוטע צוויבל און אנדערע באשטאנדטיילן. וואס גייט זיין דער רעזולטאט? עס וועט נישט זיין גוט. מ'דארף רייניגן דעם טאפ אויב מ'וויל קאכן עפעס גוטס. דערפאר, איז די ערשטע זאך, קוק נישט צוריק צו די שמוציגע גאס.

# חלק ג. אריינקוקען

## די מאסן קעגן די מינאריטעט

אצינד קענען מיר פארשטיין איינע פון די פאנדומענטאלע פלענער פון באשעפער אין אונזער היסטאריע; נישט נאר אין אונזער היסטאריע – אין די היסטאריע פון די וועלט. דער באשעפער זאגט אונז (דברים ז:ז): **אַתֶּם הַמְעַט מִכָּל הָעַמִּים** – דו, דאס אידישע פאלק, וועט זיין די קלענסטע פאלק. יעצט

לויט ווי עס איז שוין דא אמאל ערקלערט געווארן איז עס אייגנטליך נישט אמת – מיר זענען נישט די קלענסטע פון אלע פעלקער, צ.ב.ש. די פעלקער אין די דרום אינזלען און אויך אנדערע פלעצער. עס זענען דא פעלקער וואס זענען קלענער ווי אונז.

וואס עס מיינט מעט מכל העמים איז, אז אלע פעלקער אינאיינעם זענען ווי איין גרויסע פאלק קעגן אונז. איך מיין נישט דערמיט צו זאגן אז זיי זענען קעגן אונז; קען זיין זיי זענען, אבער נישט דאס איז די נקודה. וואס עס מיינט איז אז זיי זענען אלע אנדערש פון אונז – עס איז נישטא קיין פאלק אין די וועלט וואס איז אפילו עפעס ענליך צו פרומע אידן. און דאס איז א גרויסער נסיון פון **אַתֶּם הַמְעַט מִכָּל הָעַמִּים** – מיר שטייען אליין קעגן א גאנצע וועלט און ווען מען איז א קליינער מינאריטעט קען מען טראכטן אז אפשר איז דא וואס צו זען דארט. אפילו אויב מיר זענען פרום, קענען מיר צומאל קוקן אויף ארונטער. ס'איז א גרויסער נסיון: צו וועלן מיר זיך לאזן נאכשלעפן נאך די ברייטע מאסן פון די מענטשהייט – צו זייערע אידיאלן און שטראמונגען און מאדעס און באוועגונגען – אדער וועלן מיר בלייבן פעסט מיט אונזערע וועגן?

## פארכמארעטע מתנגדים

און אצינד גוטע פריינט, דערפאר דארפן מיר שעצן מיט אונזער גאנצע הארץ דעם טייל פון דאס אידישע פאלק וואס רופט זיך 'חסידים'. ס'איז א טרויעריגער פאקט אז געוויסע אידן האבן א קעגנערשאפט צו חסידים; למעשה, איך בין נישט קיין חסיד און דערפאר גיי איך נישט זיין דער וואס וועט אייך פארוואנדלען צו חסידים אבער ס'איז דא איין זאך וואס איך וויל אייך זאגן איבער חסידים. ווען די חסידות באוועגונג איז געגרונדעט געווארן מיט בערך צוויי הונדערט יאר צוריק, פון אלע זאכן וואס זיי האבן אויפגעטון איז איינע פון די וויכטיגסטע נקודות פון זייער באוועגונג געווען די לערע: דרייט אויס אייערע רוקנס צו די גוי'שע וועלט און קוקט קיינמאל נישט צוריק!

איר ווייסט, אידן פלעגן זיצן אין קאוונע און לעמבערג אין די שענק הייזער און חלומ'ען פון די אויסגעלאסענע שטעט פון די גוים. "אה, ווי שיין וואלט געווען צו זיין אין בערלין און פאריז און לאנדאן. אה! וואספארא קולטור האבן זיי דארט! וואספארא הנאות!"

אבער די חסידים האבן געוואוסט דעם אמת: "ס'איז אלעס א לופטיגער חלום!" זיי האבן געזאגט, "איר ווייסט וואו עס זענען די הנאות? אין קאוונע און אין לעמבערג!" דארט וועט איר טרעפן דאס גליק! איר ווייסט ווי פרייליך אונזערע אור-עלטערן זענען געווען ווען זיי האבן נישט געקוקט אויף ארונטער צו די גויים?! זיי האבן געווארט אויפ'ן שבת מיט בענקשאפט – עס איז ממש געווען א שמחה! א טאג פאר שבת האט זיך יעדער ארומגעוואשן און געטרישט די קליידער. און זיי זענען אלע געגאנגען אין שול, די גאנצע שטאט, און זענען צוריקגעקומען מיט שטראלנדע פנים'ער צו א היים פון קדושה; די מאמע אין הויז איז דארט און די לעכט ברענען, די גאנצע משפחה איז באקליידט מיט זייערע שענסטע בגדים, דער טיש געדעקט און זיי זינגען אלע שלום עליכם. פון אלע פענסטערס קען מען ארויסהערן די שבת'דיגע זמירות. די פרייליכקייט גיסט זיך ארויס פון די הייזער!

## פרייליכע חסידים

דארט איז וואו עס זענען געווען די הנאות! דער עם ישראל זינגט זמירות און דאס גאנצע אידישע פאלק האלט זיך צוזאם; זיידעס, זין און אייניקלעך; באבעס, מאמעס און טעכטער. דאס גאנצע פאלק

פראוועט — זיי זענען אויף וואקאציע. ווי דער כוזרי (ג:י) שרייבט, אז אונזער פאלק איז אויף וואקאציע איין זעקסטל פון אונזער לעבן. שבת און יום טוב איז איין זעקסטל פון אונזער לעבן. און דאס איז נישט נאר ווען דו ביסט אלט און קראנק קענסטו געניסן דערפון. מיר הייבן אן אונזער וואקאציע, אונזער פענסיע, שוין יעצט.

דער פראבלעם איז נאר אז דער יצר הרע האט זיך אנגערוקט און אונז באאיינפלוסט צו קוקן אויף ארונטער צו די גויים. "נע, עס איז נישט גוט דא. דא איז נישטא קיין גליק; ס'איז צו לאנגווייליג און מאנאטאניש. וואו זענען די געשמאקע הנאות? קוק הינטערוויילעכץ צו פאריז וואו עס געפינען זיך די געשמאקע הנאות! אין לאנדאן געפינען זיך די געשמאקע הנאות. אין בערלין, אין ניו יארק." "אה ניין!" האבן די חסידים געזאגט. "אויב איז דא עפעס וואס צו שעצן איז עס נאר פון אינעווייניג. אינדרויסן איז נישטא וואס צו זען — ס'איז בלויז א חלום, א פאלשע פארבלענדעניש."

"די געשמאקע הנאות זענען ביי אונז!" האבן זיי אויסגעלערנט. "דו ווילסט האבן געשמאקע הנאות? מיר וועלן דיר געבן געשמאקע הנאות!" און זיי זענען זיך צוזאמגעקומען און געטאנצט און זיי האבן זיך געזעצט טרינקען בראנפן און דערציילט סיפורים אויף געהויבענע לייט. און זיי האבן געלעבט מיט חיות — חיות פון וואס עס איז דא אינעווייניג, אן צו קוקן אויף הינטערוויילעכץ. סיי וואספארא אינטערעסאנטקייטן, סיי וואספארא בעסערקייט, געפינט זיך דא. ווען זיי האבן ארויסגעקוקט אינדרויסן פון זייער קליין שטעטל איז עס נאר געווען כדי צו זען דעם רבי'ן. עטליכע מאל א יאר זענען זיי געפארן ווייטע שטרעקעס צו א גרויסער רבי. טויזנטער זענען געפארן און דארט זענען זיי געזעסן אינאיינעם פאר לאנגע שעות צוהערנדיג צום רבי'ן. און זיי האבן געזונגען און געטאנצט בחדוה — זיי האבן הנאה געהאט פון יעדער מינוט.

## די גרויסע צייטן

די גוטע הנאות, דער איידעלער כאראקטער און קליידונג, די אויסגעצייכנטקייט אין אויפפירונג און מידות, דאס אלעס געפינט זיך ביי אונז. די איינציגסטע זאכן וואס וועלן קומען פון אינדרויסן זענען שעדליכע און געפארפולע זאכן; עס איז גארנישט דא קיין גוטס וואס מיר קענען פארדינען פון אינדרויסן. און דערפאר דארפן מיר מאכן די שמחה של מצוה אין אונזערע היימען אויף א גרויסן פארנעם. מאך דיין הוים אן ארט פון פרייליכקייט צו מצוות. פורים זאל זיין א גרויסער טאג פון פרייד און לוסטיגקייט; א גוטער איד מאכט פורים פאר א גרויסע סענזאציע אין לעבן. פורים געפאלט אויס דינסטאג? גיי נישט צו די ארבעט, אויב מעגליך; כאטש טייל פונעם טאג. באצייכן עס אלס א גרויסער טאג אויף דיין לוח.

חנוכה זאל אויך פארוואנדלט ווערן אין א גרויסע שמחה. פארברענג חנוכה אויף א ברייטן פארנעם אין דיין הויז. און דאן, ווען עס קומט להבדיל די גוי'שע חגא, זע עס זאל זיין א טאג ווי אלע טעג. גיי נישט ארויס באזוכן אנדערע אויף א מאלצייט און אויב מענטשן ווילן דיר באזוכן, זאג זיי אז דו קענסט נישט היינט; דו ביסט צו פארנומען. עס זאל נישט זיין דער מינדעסטער צייכן פון טעינקסגיווינג— דאס איז איינע פון די מעטאדן פון נישט קוקן אויף ארונטער.

דו זאלסט אויסניצן אלע געלעגנהייטן וואס דו קענסט מאכן אלס א פרייליכע יומא דפגרא. חמשה עשר בשבט זאל געפראוועט ווערן. אודאי שבת און יעדער יום טוב זאל מען פארוואנדלען אין פרייליכע צייטן. מלוה מלכה, אויב מעגליך, איז זייער א פיינע געלעגנהייט צו אנפילן די הויז מיט שמחה של מצוה; די היים פון באשעפער איז א פלאץ פון שמחה — אן ארט פון פארפולקאמונג — און צו קוקן סיי

וואו אנדערש מיינט אז מ'האט קיינמאל נישט געלערנט די מעשה פון אשת לוט; מ'האט קיינמאל נישט געמאכט ניצן פון דער אייביגער עדות; די נצחיות'דיגע ווארענונג פון דער שרעקעדיגער זייל פון שטיין וואס שטייט שוין דורות אין א וויסטן ארט אינדרויסן פון סדום.

דאס איז איינע פון די שטארקע לעקציעס פון דער חורבן פון סדום; נישט נאר אז א איד זאל אריינגיין צו זיך אין זיין קליינע הויז, נאר ער זאל אויך אויסדרייען זיין רוקן צו די השפעה פון די אומות העולם און קיינמאל נישט צוריקקוקן. מיר קענען לעבן אן אינהאלטסרייכע לעבן ווען מיר האלטן זיך אינעווייניג אין אונזערע היימען, אינעווייניג אין די אידישע געגנטער, און מיר קוקן נישט אויף הינטערוויילעכץ און גלוסטן נישט נאך די גוי'שע פירונגען. אויב יא זענען מיר אין א געפאר. **אַל תַּבִּיט אַחֲרֶיךָ** – קוק נישט אויף היטערוויילעכץ פון דיר ווייל די וואס קוקן צוריק ווערן מיט די צייט פארלוירן.

## די ווײַדל ווערט אפגעהאקט

ווי מיר זעען, אז באלד ווי דאס אידישע פאלק איז ארויס פון מצרים איז עמלק געקומען און **וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ** – זיי האבן אפגעשניטן אלע נאכשלעפערס. עס איז געווען א שרעקליכע אנטוישונג – א שטארקע נידערלאגע! קוים האט דער באשעפער געראטעוועט דאס פאלק פון די מעכטיגע אימפעריע פון מצרים און ער האט עס געטון אויף אזא אפענער און גראנדיעזער פארנעם! און דא קומט אן עם בז, א קליינע פאר'מיאוס'טע פאלק, אונז צו אטאקירן און דער באשעפער מישט זיך נישט אריין אונז צו ראטעווען?! וואס האט דאס געמיינט?

מיר דארפן פארשטיין דעם באדייט פון דאס ווארט 'נחשלים'. עס שטייט נישט 'נחשלשים', וואס מיינט שוואכע מענטשן. עס איז אן אנדערע ווארט – נחשלים מיינט, "די מענטשן וואס האבן זיך געמאכט שטאט." בשעת די אידן זענען ארויס פון מצרים, איז דאס פאלק ארויס אין א פלינקע איילעניש; זיי זענען געווען פרייליך אז די ענני הכבוד האט זיי געפירט. זיי זענען געגאנגען אין וועג צו זייער ציל; צו זייער פאראייניגונג מיט'ן באשעפער. פאראויס מארש! פאראויס צו סיני!

אבער אפילו ווען מען גייט פאראויס אינאיינעם מיט'ן עם ישראל, איז אלעמאל דא דער פארהער; צי וועסטו מארשירן מיט דיין קאפ פאראויס אדער וועסטו כאפן א בליק אויף ארונטער?

## מצרי'שער קולטור

זענען געווען אזעלכע וועלכע האבן צוריקגעקוקט צו מצרים. עס זענען געווען געוויסע נאכשלעפערס, נחשלים, וועלכע האבן געמאכט זייערע טריט שטאט דורך זייער צוריקקוקן. זיי האבן געשפאנט מיט די איבריגע מענטשן, אבער זיי זענען געבליבן הינטערשטעליג צוליב דעם.

זיי זענען געגאנגען פאראויס צו באקומען די תורה אבער אין זייערע הערצער האבן זיי נאך געהאט א געוויסע אנדערע שעצונג. זיי זענען געווען סימפאטיש צו דער קולטור פון וועלכן זיי זענען אנטלאפן. עס זענען דארט געווען אינטערעסאנטע זאכן צו טון אין מצרים, און זיי האבן גערעדט דערפון. "מען קען נאך זען עפעס פון מצרים?" עס זענען דארט מן הסתם געווען פארשידענע אונטערהאלטונגען, אפשר איז אויך געווען אינטערעסאנטע מוזעאימס און הערליכע מצרי'שע בנינים וואס זיי האבן געקענט באזוכן.

"וואס איז שלעכט?," וועט איר זאגן, "איך בין א פרומער איד; אבער ס'איז אינטערעסאנט אויך

דארט. איך גיי צו מאנהעטן צו דער מוזעאים צו זען די הערליכע אויסשטעלונגען אבער איך בין נאך אלץ זייער א גוטער איד." "אה ניין," זאגט דער באשעפער, "דאס מיינט אז דו קוקסט אויף הינטערווייזלעכץ."

און דערפאר, ווען דער באשעפער האט געזען די וועלכע שלעפן זיך נאך, די וועלכע גייען אביסל שטאטער הינטער אלע אנדערע מענטשן, האט ער געשיקט עמלק צו פטור ווערן פון זיי. דער באשעפער האט געלאזט עמלק זאל אפהאקן פון די איד די **הַנֶּחֱשָׁלִים**, די מענטשן וועלכע האבן זיך נאכגעשלעפט פון הינטן. **וַיְזַנֵּב**, ער האט אפגעהאקט דאס ווײדל פון אונזער פאלק. דאס איז געווען דער צוועק פון עמלק'ס קומען. מיר זענען נישט קיין חיות; מיר דארפן נישט קיין ווײדלעך.

דאס מיינט אז מיר דארפן נישט קיין שום מענטש וועלכער האט סיי וואספארא מאס פון אנהאלטונג צו גוי'שקייט. ער גייט מיט מיט די אידן אבער אין זיין הארץ האט ער געוויסע אנהאלטונגען; ער האט א געוויסע שעצונג צום קולטור, פארברענגונגען און דער וועג פון לעבן פון די דרויסנדיגע וועלט. ער קוקט א גאנצע צייט אויף הינטערווייזלעכץ צו די אומות העולם און דאס איז א צייכן ווי זיין הארץ געהער. **אַל תַּבִּיט אַחֲרֶיךָ** — קוק נישט הינטער דיר.

## זיי גרייט

יעצט, איך מוז איבער'חזר'ן וואס איך זאג שטענדיג — עס איז נישטא קיין פראבלעם מיט די אמת'ע נאטור וויסנשאפטן. עס איז גארנישט שלעכט מיט פיזישע אויפטואונגען, טעכנישע אויפטואונגען. און צומאל דארף מען האבן צו טון מיט דעם פאר ביזנעס אדער אנדערע צוועקן. און אודאי טארן מיר זיך קיינמאל נישט פירן אוממענטשליך; אין קיין שום פאל! מיר זענען געטריי צו דאס לאנד, באצאלן אונזערע שטייערן און פירן זיך מענטשליך צו יעדן. זיכער מוז א איד זיין געטריי; קיינער זאל נישט זיין מער געטריי ווי א פרומער איד. אמעריקע איז א גוטע לאנד פאר אונז. עס האט אונז ארייגענומען ווען אונזערע אור-עלטערן זענען געפייניגט געווארן אין רוסלאנד און וואו אימער. מיר זענען געקומען אהער און גענאסן פון גלייכע רעכטן. זיכער זענען מיר דאנקבאר צו אמעריקע.

און דאך וועט דער טאג קומען ווען משיח וועט ערשיינען; דער טאג וועט אנקומען און מיר וועלן דארפן פארלאזן אמעריקע. שטעלט זיך פאר; משיח איז יעצט דא און מיר מאכן זיך אלע גרייט צו אויפשטייגן אויף גרויסע פליגערס. מיר וועלן פליען קיין ארץ ישראל על כנפי נשרים, אויף די פליגלען פון אדלערס, אלע צוזאמען. און וואס וועט זיין די וויכטיגסטע זאך צו געדענקען דאן? די זעלבע זאך וואס געבעט אונז הצלחה אויך היינט: קוק נישט צוריק! אפשר קענסטו זען די וואלקנקראצער געביידעס פון ניו יארק זייענדיג אין דיין היים אין וויליאמסבורג? פארגעס דערפון. קוק נאר פאראויס צו דיין גרויסן צוקומפט.

אויב דו ווילסט פארבלייבן מיט נצחיות, אויב דו ווילסט טיילן דעם גורל פון די וועלכע געפינען זיך שטענדיג אונטער די פליגלען פון באשעפער, מוזטו שפאנען פאראויס מיט דער עם ישראל אן צו צוריקקוקן צום אמאל; דו מוזט אויפגעבן דיינע אינערליכע געפילן וועלכע פארבינדן דיר צו די פעלקער פון די וועלט. יעדער איד וואס לעכצט צו דער גרויסער און גלאררייכער צוקומפט פון אונזער פאלק, מאכט זיכער זיך צו אידענטיפיצירן בלויז מיט דאס כלל ישראל ווי ווייט מעגליך. און די זענען די וועלכע וועלן מארשירן אינאיינעם מיט די איבריגע טיילן פון דער עם ישראל ווען די גרויסע גאולה וועט קומען און מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן מיט דער ענדגילטיגער ישועה און אויסטערלישע וואונדער וואס וועלן באוויזן ווערן דורכ'ן יד ה'.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה:

**וואס איז דער בעסטער אופן ווי אזוי צו האנדלען מיט א שווער?**

### תשובה:

לאכט נישט. דאס איז זייער א וויכטיגע שאלה. און דער ענטפער איז אז דער בעסטער וועג איז אלעמאל אים צו שעצן און זיך האלטן שטיל. זיי מכבד דיין שווער און האלט דיין מויל פארמאכט. וואס ווייניגער דו וועסט זאגן אלץ מער וועט ער דיר ליב האבן. ער וועט האלטן פון דיר אויב דו וועסט האלטן דיין מויל פארמאכט.

עס איז זייער וויכטיג צו וויסן אז צו דיין ווייב׳ס קרובים דארפסטו אלעמאל שמייכלען, נישט קיין חילוק וואס. שמייכל שטענדיג און האלט זיך שטיל, וועלן זיי דיר ליב האבן. אבער אויב דו עפנסט דיין מויל, ביסטו אויף צרות.

פרנס השבוע לשאלות ותשובות

לע״נ הרבנית עטל בת ר׳ שמואל ע״ה

ת.נ.צ.ב.ה.